בעזהשי"ת

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# מֵיין פַּרְשָׁה בִּיכְל

## פַּרְשַׁת יִתְרוֹ

**כיתה ב׳ (א-ב)**

הר"ר מאיר חיים ששא הי"ו

הר"ר משה ברוך כץ הי"ו

דִּי וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט:

בִּיז פָּסוּק

ה׳

# אינהאלט פון די וואך

**<u>וישמע יתרו</u>**

יתרו האט געהערט די נסים וואס דער באשעפער האט געטוהן פאר משה און די אידן, קריעת ים סוף און די מלחמה אקעגן עמלק, האט ער מחליט געווען זיך צו מגייר זיין, האט ער גענומען זיין טאכטער צפורה מיט אירע צוויי זוהן גרשם און אליעזר, ווייל משה רבינו האט זיי צוריק געשיקט קיין מדין, ווען אהרן האט אים געזאגט ער זאל זיי נישט מיטנעמען קיין מצרים, גענוג איז שוין די אידן וואס מען פייניגט זיי אזוי שטארק וואס דארפסטו ברענגען דיינע קינדער זאלן חלילה ליידן.

משה רבינו איז אקעגן געגאנגען זיין שווער יתרו און זיין ווייב מיט קינדער, און אהרן איז אויך מיטגעגאנגען, און אלע אידן וואס האבן געזעהן ווער עס גייט אקעגן, זענען זיי אלע מיטגעגאנגען, יתרו האט געהאט גרויס כבוד, און מען האט אנגעגרייט א גרויסע סעודה וואס אלע עלטסטע פון די אידן און אהרן זענען געווען ביי די סעודה, און משה האט זיי באדינט און געטיילט די עסן.

משה רבינו האט דערציילט פאר יתרו אלעס וואס דער באשעפער האט געטוהן פאר פרעה און די מצריים, אויך אז פרעה האט געהייסן ארייןווארפן די קינדער אין טייך, וועגן דעם האט מען זיי געשטראפט מדה כנגד מדה, מ'האט אלע מצריים אריין געווארפן אין ים סוף.

יתרו האט געזעהן אז משה רבינו זיצט פון אינדערפרי ביז שפעט ביינאכט, און ענטפערט אויף אלע שאלות וואס די אידן פרעגן, האט יתרו געגעבן א עצה ער זאל נעמען אידן תלמידי חכמים און קלוגע, וואס רעדן נאר אמת, וואס האבן נישט ליב קיין געלט, און זיי זאלן ענטפערן פאר די אידן די שאלות און אזוי וועט משה נישט דארפן זיצן א גאנצע צייט.

## קבלת התורה

דער באשעפער האט געשיקט א מלאך ארום גיין צו די אלע פעלקער פון די וועלט פרעגן צי זיי ווילן די תורה, און אלע האבן געפרעגט וואס שטייט אין די תורה האט מען זיי געזאגט 'כבד את אביך ואת אמיך', 'לא תגנוב', 'לא תרצח', האבן זיי געזאגט זיי ווילן נישט די תורה, ווייל זיי זענען געוואוינט צו גנב'ענען און צו הרג'ענען, און נישט פאלגן א טאטע מיט א מאמע, און זיי ווילן ארבעטן שבת. דער מלאך איז אנגעקומען צו די אידן, זיי האבן נישט געפרעגט וואס שטייט אין די תורה, נאר זיי האבן געזאגט "נעשה ונשמע", און דער באשעפער האט גלייך געגעבן די תורה פאר די אידן אויף די בארג סיני, ווייל ס'איז א קליינע בארג, צו ווייזן אז די תורה געבט מען נאר פאר איינעם וואס האלט זיך קליין.

דער באשעפער האט ארויס געריסן דעם בארג סיני און עס אויפגעהויבן און געזאגט אויב וועט מען טוהן אלעס וואס שטייט אין די תורה איז גוט, טאמער נישט וועט מען באגראבן ווערן אונטערן בארג, ווען די אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע, זענען געקומען מלאכים און האבן אנגעטוהן פאר יעדן איד צוויי קרוינען איינס וועגן נעשה און איינס וועגן נשמע.

די צוויי ערשטע רייד אנכי ד' אלקיך און לא יהיה לך האט מען געהערט פון באשעפער אליין, און די אידן האבן עס נישט אויסגעהאלטן, און זייער נשמה איז ארויס, און די מלאכים האבן זיי שנעל אויפגעלעבט, און די אנדערע דברות האט מען שוין געהערט פון משה רבינו.

די צעהן דברות: א) דער באשעפער איז דער איינציגער, ב) מען טאר חלילה נישט דינען עבודה זרה, ג) מען טאר נישט שווערן אויף פאלש, ד) מען טאר נישט ארבעטן שבת קיין שום ארבעט, ה) מען דארף פאלגן א טאטע מיט א מאמע, ו) מען טאר נישט גנב'ענען, ז) מען טאר נישט הרגענען, ח) מען טאר נישט רעדן קיין מיאוסע ווערטער, ט) מען טאר נישט זאגן פאלשע עדות, י) מען טאר נישט גלוסטן וואס יענער האט.

# שאלות מיט תשובות

**א. וואס האט יתרו געהערט?**

ער האט געהערט די נסים אין מצרים אויך קריעת ים סוף און מלחמת עמלק.

**ב. וועמען האט יתרו מיט גענומען אין מדבר?**

ציפורה און די קינדער גרשום און אליעזר.

**ג. פארוואס זענען זיי געווען אין מדין און נישט אין מצרים צוזאמען מיט משה רבינו?**

ווייל אהרן האט געזאגט פאר משה ברענג נישט קיין מצרים צו ליידן די צרות פון די מצריים.

**ד. ווער איז אקעגן געגאנגען יתרו און צפורה מיט די קינדער?**

משה און אהרן און אלע אידן.

**ה. וואו איז משה געווען ביי די סעודה וואס מען האט געמאכט לכבוד יתרו?**

ער האט באדינט די געסט און געטיילט די עסן.

**ו. וועלכע עצה האט יתרו געגעבן פאר משה ער זאל נישט דארפן זיצן א גאנצע טאג ענטפערן שאלות?**

ער זאל נעמען אידן תלמידי חכמים, קלוגע, וואס רעדן נאר אמת, און האבן נישט ליב קיין געלט.

**ז. צו וועמען האט דער באשעפער געשיקט פרעגן אויב זיי ווילן די תורה?**

צו אלע פעלקער.

**ח. וואס האבן די אידן געענטפערט ווען מ'האט זיי געפרעגט?**

נעשה ונשמע.

**ט. פארוואס האט דער באשעפער געגעבן די תורה אויף דעם בארג סיני?**

ווייל ס'איז א קליינע בארג וואס האלט זיך נישט גרויס.

**י. וואס האבן די מלאכים אנגעטוהן פאר די אידן ווען זיי האבן געזאגט נעשה ונשמע?**

צוויי קרוינען, איינס פאר נעשה און איינס פאר נשמע.

**יא. פון וועמען האט מען געהערט די צוויי ערשטע רייד אויפן בארג סיני?**

פון באשעפער אליין.

**יב. וועלכע שכר שטייט אין די תורה אז ס'וועט זיין אויב מען וועט פאלגן א טאטע מיט א מאמע?**

מען וועט לעבן לאנגע גוטע יארן.

נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

## הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ____________ ני"ו**

**השיב על שאלות פרשת השבוע:** ____________

**שאלות איף כולל ענינים:** ____________

**חומש:** ____________

**ברכת המזון:** ____________

**התנהגות כללית:** ____________

**קר"ש שעל המיטה:** ____________

**התפלל:** ____________

**הערות:** ____________

**חתימת ההורים** ____________

**נישט פארגעסן צוריק צו שיקן זונטיג די מעשה ביכל**

**נישט פארגעסן צוריק ברענגען די פארמעסט**

# - כולל ענינים -

## סימן כב. גריסן

א) אז מען קומט אריין אין שטוב, עס איז קיין אונטערשייד וואו און אין וועלכע שטוב דאס איז, צי אינדערהיים אדער ביים שכן אדער ביי א קרוב, אדער אז מען קומט אריין אין בית חינוך, דאס זעלבע איז ביים פאלאון די שטוב, דארף מען אויך גריסן.

ב) די באגריסונג ווערטער זענען: אינדערפרי ביים אויפשטוין, נאכן הענט אפגיסן, זאגט מען "גוט מארגן", אינדערפרי ביים אריינקומען זאגט קומען, "א גוטן מארגן", און ביים פארלאזן זאגט מען "א גוטע נאכט", פארן לייגן שלאפן זאגט מען אויך "גוטע נאכט"

ג) מיטאג צייט זאגט מען ביים קומען און ביים פארלאזן "אגוטן טאג"

ד) שבת און יום טוב גריסט מען אלעמאל "גוט שבת" אדער "גוט יום טוב". חול המועד גריסט מען "גוטן מועד".

ה) אז פרוי באגריסט זיך אין גאס מיט א באקאנטן איז אויך א דרך ארץ צו גריסן.

ו) א פרוי באגריסט נישט קיין מענער. דאס זעלבע פארקערט, מענער באגריסן נישט קיין פרויען.

ז) ווען מען באגעגנט אן עלטערן מענטש איז א דאפלטע מצוה צו באגריסן. מען איז מקיים דערמיט די מצווה והדרת פני זקן, דו זאלסט באשיינען און כבוד געבן פאר עלטערע מעטשן.

ח) דאס איז זעלבסטפארשטענדליך אז מען דארף צוריק גריסן אז מען איז פריער באגריסט געווארן, אפילו ווען דער באגריסער איז א קליין קינד.

ט) ר' יוחנן האט געזאגט: קיינמאל האט מיך נישט קיין מענטש געפעדערט צו גריסן, דאס מיינט: קיינער האט נישט פריער באגריסט ר' יוחנן ווייל ער האט באגריסט פאראויס יעדן באקאנטן מענטש ווען ער האט זיך מיט יענעם באגעגנט.

א רבי'ן, א מלמד, א לערערין, א משגיח, דארף מען אלעמאל פאראויס צו גריסן מיט דרך ארץ, רעספעקט, און יראת הכבוד.

י. אויך פאר א מלמד, און א לערערין פון א אנדערע כיתה, פון א אנדערע קלאס, פון דעם זעלבן מוסד, פון דעם זעלבן בית חינוך, איז א דרך ארץ צו גריסן.

יא. און זיכער פאר א געוועזענעם מלמד און לערערין, אפילו ביי וועמען מ'האט געלערנט מיט פיל יאר צוריק, דארף מען אויך גריסן, ווייל א רבי, א מלמד, און א לערערין ווערט קיינמאל נישט אויס רבי אויס מלמד אויס לערערין, אזוי ווי די משנה אין אבות זאגט אויף דוד המלך עליו השלום אז ער האט נוהג כבוד געווען זיין רבי'ן אחיתופל וואס ער האט ביי אים געלערנט "שני דברים בלבד", נאר צוויי גוטע זאכן, אויב מען האט געלערנט פון איינעם אמאל בלייבט מען שוין אייביג א רבי'.

## סימן כ"ג. בל תשחית

א) מיר זענען אנגעזאגט געווארן אין די תורה הקדושה "לא תשחית את עצה", מען זאל נישט פארדארבן, אויסרייסן, צוגרונד לייגן קיין פרוכט בוים.

ב) נישט נאר א פרוכט בוים טאר מען נישט פארדארבן, נאר יעדע זאך וואס איז א נוצן פאר'ן מענטש, און דאס איז ווערד געלט אדער דאס קען קאסטן געלט, אדער מיה, כח און צייט, דאס צו פארשאפן און ערווערבן, גורם זיין אז דאס זאל רואינירט ווערן, אדער צובראכן ווערן, דער איסור ווערט ביי אידן אנגערופן "בל תשחית".

ג) עס איז נישט קיין חילוק צי דאס איז א אייגענע זאך אדער א אנדערנ'ס אייגנטום, ביי אלעם גייט אן דער איסור, נאר ביי א פרעמדנ'ס זאך, איז דאס אויך פארבינדן מיט גזילה, מען איז מחוייב אפצוצאלן דעם שאדן, אנדערש קען מען נישט תשובה טוהן דערויף.

ד) ביי עסנוווארג דארף מען ספעציעל מער אכטונג געבן, א עסנוווארג וואס איז נאך גוט און נוצבאר צום עסן זאל מען נישט אוועק ווארפן, און נישט קאליע מאכן, און נישט זיין נאכלעסיג דאס זאל קאליע ווערן.

ה) א פארזיכטיגער מענטש האט אינזינען צייטליך צו שטעלן יעדעס עסן אויפן געהעריגן ריכטיגן פלאץ, אין פרידזשידער, אדער וואו אהין דאס געהער כדי דאס צו פארהיטן, אז דאס זאל בלייבן גוט און נוצבאר. דאס זעלבע מיט קליידונג, מיט עטליכע מינוטן באצייטנס, פארהיט מען גרויסע שאדנס. א גוטע בעת בית'טע, וואס ווייס ווי אזוי אומצוגיין מיט אלעם, קען מיטן איינגעשפארטן געלט קויפן אנדערע נוצבארע וויכטיגע זאכן.

ו) די וועלט זאגט: איין שטאך אין צייט באלד - שפארט איין שפעטער א געוואלד.

ז) אז מען דארף טאקע נישט דאס עסנוואדג, קליידער אדער מעבל יעצט, און מען האט נישט קיין פלאץ אדער מעגליכקייט צו האלטן דאס ביז מען קען דאס יא דארפן, זוכט מען דאס אוועק צו געבן אדער פארקויפן אפילו פאר ביליג, פיל מענטשן זענען דא וואס קענען יא נוצן האבן דערפון.

ח) דעריבער דארף מען גוט אכטונג צו געבן אויף אלעם וואב עס געפינט זיך אין הויז דאס זאל נישט פארדארבן ווערן. מען זאל נישט לייגן קיין קליידונג אויף א פלאץ וואו דאס אוועקצוגעבן אדער פארקויפן אפילו פאר ביליג. פיל מענטשן זענטשון זענען דא וואס קענען יא נוצן האבן דערפון.

ט) אונזערע חכמים ז"ל לערנען אונז, אז יעקב אבינו כאטש ער איז געווען א גרויסער עושר, מיט פיל פארמעגנס האט ער דאך אכטונג געגעבן אפילו אויף קלייניגקייטן דאס זאל נישט גיין לאיבוד, וויל "צדיקים ממונם חביב עליהם יותר מגופם לפי שאין פושטים ידיהם בגזל". דאס הייסט: ביי ערליכע אידן איז זייער געלט באליבט און חשוב צו היטן דאס פון פארשוועדונג, פון שאדן גיין און אומנויטיגע אויסגאבן, ווייל זיי זענען אפגעהיט פון גזילה, און ווילן נאר האבן ריין, ערליך פארדינט געלט, און דאס איז דאך שווער, דעריבער היטן זיי אויף וואס זיי פארמאגן, אז דאס זאל נישט ווערן פארלוירן, און נישט ווערן פארלוירן, און נישט גיין לאיבו, ווייל אויב א מענטש היט נישט אויף זיין געלט, קען ער קומען צו גזילה, דעריבער דארף מען שטארק היטן אויף די גאנצקייט פון אלע הויז כלים, מעבל, קליידונג און עסנואג זיי זאלן נישט צעבראכן ווערן, אלעס איז אידיש געלט.

י) אויך דארף מען נישט לאזן ברענען דעם לעקטער און גאז אומנויגטיג, יעדע מינוט קאסט געלט. קיין טעלעפאן געשפרעכן דארף מען נישט צו מאכן אומנויטיג, אלעס איז אידיש געלט, ביי אן עושר אויך, און זיכער ביי דעם ווער עס פארדינט שווערער דאס גלעט, אין דעם איזאויך אריינגערעכנט נישט לאזן גיין אומנויטיג, דאס ווארעמע וואסער און הייצונג און אלע אנדערע עלעקטרישע מעשינען, סיי אייגנס, און זיכער און אנדערנס.

יא) די אלע אויבנדערמאנטע זאכן זענען נאך פיל מער שייך, מער וויכטיג, אכט צו געבן און געוויכט צו לייגן דערויף ביי קהל'ס פארמעגן, א מוסד, א תלמוד תורה, א בית חינוך לבנות, א בית המדרש, א קעמפ און דאס גלייכן.

יב) זיכער דארף מען נישט שאדן, צוגרונט לייגן, אן אייגטום, א ווערטואך פון א מוסד, א שול א חדר, א בית המדרש, מיט אויפשריפטן, פארשמירן, שמוציג מאכן. דאס

איז "בל תשחית" און עקסער א גוזל את הרבים  מען בא'גזל'ט א גאנץ קהל אויף וואס עס איז זייער שווער אמת'דיג געהריג תשובה צו טאן.

יג) נאך א גרויסער נוצן איז דא אין אכטונג געבן אויף די הויז זאכן, דאס פארמיידט קריגערייען אין הויז, און במילא ווערט פארשטארקט דאס אחדות פארטעגליכקייט, שלו' און מנוחה, צווישן די הויז מענטשן: "אין א הויז וואס דאס איז זייער א גרויסע זאך, ווי די חכמינו ז"ל האבן אונז געלערנט: "אין א הויז וואס איז דא מחלוקת, קריגערייען ווערט דערפון א חורבן". ווייל דער סדר איז איז אויב עס ווערט עפעס צעבראכן אדער פארלוירן, הויבט מען אן זוכן ווער עס איז דער שולדיגער אין דעם פארלוסט, און יעדער ווארפט דעם שולד אויפן צווייטן, און דאס קען ברענגען צו קריגערייען, און אמאל אויך צו זאגן ליגנט, און גאנץ אפט עובר צו זיין אויך אויף מצות כיבוד אב ואם, דורך אכטונג געבן אז עס זאל נישט קומען צו א פארלוסט, פארמיידט מען אט די אלע שעדליכע און שלעכטע זאכן.

יד. ספעציעל דארפן קינדער אכט צו געבן אהיימקומענדיג פון שוהל, פון חדר, פון בית המדרש, נישט דארט צו לאזן קיין מאנטל, סוועטער, א שאל, הענטשיך, שניי שיך און שטיוול א.ד.ג. אויב מען האט יא איבערגעלאזט זאל מען נישט זיין פויל און נאכלעסיג, נאר שוין צוריק גיין און אויפזוכן. אויסער געלט שאדן און אויסער דעם וואס מען האט דאס נישט ווען מען האט דאס נישט ווען מען דארף, איז מען מקיים דעמיט די מצוות כיבוד אב ואם בשלימות.

טו) א גוטע, וויכטיג געוואויהייט איז, צו האבן דעם נאמען און פינקטליכע אדרעס, ליינבאר פארשריבן אויף יעדן אייגטום, אויף ספרים, שול ביכער און קליידונג, כדי דאס צו דערקענען, אוןביים פארלירן זאל מען דאס קענען גרינגער געפינען.

טז) ביי וועם עס איז חשוב אידיש געלט, דערצו נאך די אייגענע עלטערנ'ס געלט, זיך ריין די ספרים די לערן און לייענביכער, דאס תהלימ'ל און דעם סידור, דאס זאל נישט ווערן שמוציג, נישט צעריסן און נישט רואינרט.

יז) ביי וועם עס איז זייער חשוב דער אינהאלט פון די דערמאנטע ספרים, דער חינוך און שמירם תורה ומצוות וואס מען לערנט דערפון, דער לאזט דאס קיינמאל נישט הפקר. דאס קען אוינסזען שיין און ריין זוף יאר פונקט ווי דאם ערשטן טאג נייערהייט.

יח) מען זאל זיך נישט שטעלן אויף א בענקל מיט די שיך, אדער אויף אן אנדער פלאץ וואס דאס איז באשטימט צו זיצן. אויב מען האט דאס יא געטאן, ווייל מען האט

קיין אנדערן אויערן אויסוועג נישט געהאט, דארף מען גלייך ריין צו מאכן דאס בענקל אדער דאס פלאץ. דאס זאל נישט פארשמוצן די קליידער פון דעם וואס וועט זיך זעצן דערויף.

יט) נאך מער וויכטיג איז, זיך צו היטן, נישט ארופצוגיין מיט די שיך אויף א בעט אדער א פאטעל, ווייל דעם צודעק קען מען נישט גוט ריין מאכן נאר דורך וואשן. און דאס ברענגט, אז דער צודעק זאל ווערן אפגענוצט, און דאס בעט אדער מעבל ווערט רואינרט. אויך איז מען גורם איבריגע ארבעט צו די הויז מענטשן.

כ) ווען מען זיצט אויף א בענקל דארף דאס בענקל שטיין גלייך, אויף אלע פיס, נישט מען זאל זיצן אויף און עק פון בענקל און און מאכן דאס בענקל שטייענדיג אויף א טייל פון זיינער פיס, ווייל אזא זיצן איז נישט דרך ארץ'דיג. אויך ווערט דאס בענקל דורך דעם איבערגעפירט, צעבאכן און עס קען געשטרויכלט ווערן דער וואס גייט דורך דערנעבן.

כא) צייט איז אויך א פארמעגן וואס השי"ת האט געשענקט פאר יערן מענטש, ווי די וועלט זאגט: "צייט איז געלט, דאס איז ווערט א וועלט" דארף מען דאס אויך צו היטן און אויסצונוצן עס זאל נישט גיין לאיבוד, אייגענע צייט און זיכער יענעמס צייט, ווי דאס שטייט אין סימן (קנז) פלייסיגקייט.

כב) מען דארף זיך היטן דאס געזונט, פון פארקילונג ביי א קאלטן וועטער, נישט עסן קיין שעדליכע עסנס, אדער אנדערע זכן וואס קענען ח"ו ברענגען צו קראנקהייטן, דאס הייסט "בל תשחית" פון קערפער, אויסערן געלט שאדן פון מעדיצנען און דאקטירים, און נאך אנערע שאדנס.

כג) איבערעסן זיך איז אויך שעדליך. ספעציעל אן עסן וואס איז זייער בא'עמ'ט און גלוסטיג, דארף מען צו מען צו עסן נאר מיט א מאס. און פארקערט ווער עס וויל פאלירן געוויכט איבער געוויסע אורזאכן, דארף דאס טאן נאר מיט א מאס, מען דארף אויך די עלטען'ס און א דאקטער'ס צושטימונג, דאס זאל חס ושלום נישט ברענגען קיין נישט גוטע קאנסעקווענצן.

כד) שלמה המלך זאגט "חכם עיניו בראשו", א קלוגער מענטש האט די אויגן אין קאפ, ער איז אלץ פארזיכטיג מיט יעדע זאך ווען יא און ווען נישט צו עסן, און אלע זיינע מעשים זענען געוואויגן און געמאסטן עס זאל נישט שאדן צום געזונט, און נישט צו אנדערע זאכן.

# שאלות אויף כולל ענינים

**א. ווען דארף מען באגריסן, נאר ווען מ'קומט אדער נאר ווען מ'גייט?**

אלעביידע מאל.

**ב. וואו דארף מען באגריסן, נאר אין שטוב, אדער נאר אין שוהל, אדער נאר אין חדר, אדער נאר פאר א שכן וכדו'?**

איבעראל דארף מען שיין באגריסן.

**ג. ווען קען זיין אז מיטן באגריסן האט מען א דאפלטע מצוה?**

ווען מ'באגעגנט א עלטערן מענטש.

**ד. פארוואס האט רבי יוחנן קיינמאל נישט געדארפט צוריק גריסן?**

ווייל אייביג האט ער געגריסט די ערשטע.

**ה. מ'דארף באגריסן נאר ווער עס איז יעצט זיין מלמד?**

ניין, מ'דארף באגריסן ווער עס איז געווען זיין מלמד, און ווער עס וועט נאך זיין זיין מלמד.

**ו. ווען איז מען עובר אויף בל תשחית און אויך אויף גזילה?**

ווען מ'פארדארבט א זאך וואס געהערט פאר א חבר.

**ז. די איסור פון בל תשחית איז נאר שייך ביי עסנווארג?**

ניין, אויך ביי קליידער, מעבל, טעשעלעך. א.א.וו.

**ח. ביי ווענמען פון די אבות זעהט מען אז ער האט אכטונג געגעבן אפילו אויף קלייניקייטן?**

יעקב אבינו ביי די קריגלעך.

**ט. ווען איינער גייט נעמען א מאנטל אדער א שירעם וואס ער האט פארגעסן אין חדר, וועלכע צוויי מצוות איז ער מקיים?**

בל תשחית, און כיבוד אב ואם.